**גוט שבת אלע אידן.** ר׳ דוד האפמאן (זיין עכטע נאמען) האט דערלעבט די מלחמה. ר׳ דוד האט געהאט א יונגערער ברודער וואס איז נעבאך אוועק נאך פאר די מלחמה ביי די זיבעצען יאר, ל״ע. נאך די מלחמה איז ר׳ דוד געקומען וואוינען אין אמעריקע וואו ער האט אויפגעשטעלט א שיינע אידישע שטוב. ר׳ דוד האט קיינמאל נישט פארגעסן פון זיין ברודער. צוליב דעם, האט ר׳ דוד כסדר דערציילט פאר זיינע קינדער וועגן זיין ברודער׳ס יראת שמים, מידות טובות, און התמדה אין לימוד התורה. אויב עס וואלט נישט געווען גענוג גרויס א צער צו פארלוירן א ברודער ביי די יונגע יארן, האט עס געשטערט ר׳ דוד דורך די יארן, אז ער האט נישט געוואוסט זיין ברודער׳ס יארצייט. עס קען זיין אז צוליב די איבערקערניש פון די מלחמה יארן, האט ער עס פשוט פארגעסן.

ר׳ דוד האט כסדר גערעדט פון די היים פון פאר די מלחמה אין די שטאט סאניסלאו, רומעניע. איין טאג האט ר׳ דוד׳ס זון שמואל געבעטן זיין טאטע אז ער זאל שוין מאכן א נסיעה צו באזוכן די קברים אין זיין געבורטסשטאט. סוף כל סוף האט ר׳ דוד מסכים געווען צוריקצופארן אויף א באזוך אין רומעניע כדי צו זוכן דעם קבר פון זיין ברודער, עלטערן און זיידעס. דעמאלט, נאכדעם אונטערגיין פון די רשעות׳דיגע קאמוניסטען ימ״ש, האבן אידן אנגעהויבן צו זוכען און איבערבויען די מצבות וועלכע זענען איבערגעבליבן. אפשר דעם באזוך וועט ר׳ דוד קענען געוואויר ווערן דעם טאג פון זיין ברודער׳ס יארצייט.

ר׳ דוד׳ס זון שמואל האט ערלעדיגט די פרטים פון דער נסיעה. זיי האבן געדינגען ר׳ לייבל גראס וואס איז א מומחה אין געפינען קברים. צום סוף זענען כמעט א מנין אידן געפארן פון דער האפמאן משפחה.

נאך פסח איז די גרופע ארויסגעפארן. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין אייראפא, האט ר׳ לייבל גראס געטראפן זיי אין דעם עירפארט. חוץ דעם וואס ר׳ לייבל האט גוט געקענט דעם קונסט פון זוכען קברים, איז ער גאר באקאנט געווען מיט די געגענט. צוליב דעם, האבן זיי געדינגען ר׳ לייבל זיי ארומצופירן אין די געגענט.

דעם נעקסטען טאג איז די גרופע אנגעקומען קיין סאניסלאו. זיי זענען גלייך געגאנגען צו דער בית החיים. מיט לייבל האבן זיי געהאט א מנין. די אידן זענען אריינגעגאנגען אין דער אלטען בית החיים שטילערהייט ווייל זיי האבן געזען דעם ערנסטקייט פון ר׳ דוד׳ס פנים.

ר׳ דוד׳ס זון שמואל האט שוין פאראויס געהייסן אז ר׳ לייבל זאל מסדר זיי די פאר קברים פון דוד׳ס זיידעס וואס זענען יא געבליבן נאך אלע יארן. ר׳ לייבל האט געטון א שיינע ארבעט אויפצושטעלן די געפאלענע מצבות פון דוד׳ס זיידעס. אבער, ר׳ לייבל האט נאכנישט געטראפן אלע קברים פון דוד׳ס משפחה. די גרופע איז גלייך געגאנגען צו ר׳ דוד׳ס זיידע׳ס חלקה, וואו זיי האבן געזאגט תהלים. ליידער האבן זיי נישט געוואוסט פונקטליך וואו ר׳ דוד׳ס עלטערן און ברודער זענען געליגן, פאר דעם, האבן זיי געוואלט ניצן ר׳ לייבל.

ר׳ דוד האט זיך געפרייט צו קענען משתטח זיין אויף זיין זיידע׳ס קברים, אבער, ער האט שטארק געוואלט טרעפן די קברים פון זיין עלטערן און נאך מער פון זיין ברודער, בפרט כדי צו געוואויר ווערן וועגן די יארצייט.

נאכדעם, איז דוד ארומגעגאנגען די בית החיים זוכען דעם פלאץ פון זיינע עלטערן און ברודער, ווייל ער האט געדענקט בערך וואו זיי זענען געווען. ער איז אנגעקומען צו א קליינע געגענט פון ערד מיט גראז. ״דארט ליגט מיין טאטע און ברידער!״ האט ר׳ דוד פלוצלינג געזאגט ווייזענדיק מיט זיי האנד צו דעם פלאץ. ר׳ לייבל איז צוגעקומען מיט א קליינע לעקטרישע שטעקן, וואס ער האט גענוצט צו טרעפן קברים. ווען ר׳ לייבל האט געהאלטן דעם שטעקן איבער דעם פלאץ פון וואו ר׳ דוד האט געזאגט אז די קברים זענען געווען, האט דער שטעקן אנגעהויבן זיך צו קלינגען. ר׳ לייבל האט געזאגט אז לויט דעם שטעקן ליגט זיכער דארט די קברים. נעבאך די מצבות זענען שוין דארט נישט געווען.

די גרופע האט אנגעפאנגען צו זאגן תהלים. ר׳ דוד האט אנגהויבן צו וויינען פון גרויס התרגשות. דאן, דורך שטארקע בכיות, האט ער געזאגט קדיש פאר זיין עלטערן און ברודער.

ווען די גרופע איז ארויסגעקומען פון דער בית החיים האבן זיי געטראפן דעם מעיאר פונעם שטאט סאניסלאו, וואס איז געקומען כדי צו טרעפן ר׳ דוד מיט זיין משפחה. ווייל דער מעיאר האט געהערט אז עס איז געקומען א דעלעגאציע פון אמעריקאנער צו זיין קליינע שטאט.

באלד דערנאך איז ר׳ דוד געשטאנען אין די אפיסעס מיט דעם גאנצען סיטי קוינסעל וואס איז צוזאמענגעקומען לכבוד די חשובע געסט פון אמעריקע. ר׳ דוד האט גערעדט צו די פארזאמעלטע עולם מיט א צובראכענע ראמעניש. ער האט גערעדט פון זיין זיכרונות פון וואוינען אין סאניסלאו עטליכע זעכציג יארן פריער.

ר׳ דוד מיט זיין זון שמואל האבן געשמועסט מיט דעם מעיאר אפאר מינוט. בעפאר שמואל איז ארויסגעגאנגען, איז אים איינגעפאלן צו פרעגן דעם מעיאר אויב זיי האלטן רעקארדס פון אלע מענטשן וואס זענען געבוירן און געשטארבען אין די שטאט. דער מעיאר האט געזאגט אז ״יא, מיר האבן די רעקארדס פון זייט 200 יאר צוריק!״

שמואל האט געפרעגט זיין טאטען אויב ער געדענקט אין וועלכע יאר איז זיין ברודער געבוירן. ר׳ דוד האט געזאגט פאר׳ן מעיאר, ״נו, ער איז געווען נאר אפאר יאר יונגער פון מיר, לכאורה דארף עס זיין 1917.״ דער מעיאר האט ארויסגענומען דעם אלטען ביכל אין וואס איז געשריבן געווארן אלע מענטשנ׳ס נעמען, און ער האט סוף כל סוף געטראפן ״יונתן בנימין האפמאן, געבוירן 12 פברואר 1917, געשטארבען 10 מאי 1934. שמואל און זיין טאטע זענען געווארן מורא׳דיג נתרגש, ווייל זיי האבן סוף כל סוף אויסגעפינען דעם יארצייט פון ר׳ דוד׳ס ברודער. ווען זיי זענען אהיימגעקומען, האט שמואל געקוקט אויף א ״200 יאר לוח״ (א לוח וואס האט אין זיך די חדשים און יארן דורך 200 יאר.) דאן האט שמואל געטראפן דעם טאג, כ״ג אייר תרצ״ד. ער האט געקוקט אויף א די לוח און ער איז איבעראשט געווארן צו זען אז אין דעם טאג פון דעם יארצייט, כ״ג אייר, זענען זיי געווען ביים קבר פון ר׳ דוד׳ס ברודער מיט א מנין. עס קומט אויס אז דארט אין יענע בית החיים אין סאניסלאו, ראמעניע, האט ר׳ דוד געזאגט קדיש אין דעם טאג פון דעם יארצייט!

דער ענין צו גיין צו די קברים פון זיידעס און פון צדיקים, איז אן ענין וואס אידן האבן זיך אייביג געפירט דורך די דורות. למשל, אין די לעצטע וואכעדיגע סדרה, רש״י איז מסביר אויפן פסוק ״ויבא עד חברון וכו׳״ אז ״כלב לבדו הלך שם ונשתטח על קברי אבות.״ כלב איז געגאנגען צו חברון צו דאווענען אויף די קברים פון די הייליגע אבות. (במדבר ב,כב)

איינער וואס האט שייכות צו א צדיק קען אויך פועלן ביי קברים פון דעם צדיק׳ס הייליגע אבות. ווייל מען קען אריינכאפן אין די חשובע יחוס פונעם צדיק. מיר ליינען וועגן דעם ענין פון יחוס אין די היינטיגע פרשה. קרח איז געווען א גרויסער יחסן, אבער ער האט זיך גערימט מיט זיין יחוס און דורך דעם איז אויסגעקומען א גרויסע חילול ה׳. קרח איז געווען פארקערט ווי די צדיקים, ווייל צדיקים ניצן זייער יחוס פאר גוטס. אזוי ווי דער מהר״ל ז״ל איז מסביר די ענין, ״כי כשם שהיחוס לצדיק מביא שקונה מעלה עליונה יתירה שנחשב צדיק גדול כך כשהוא רשע והוא בן צדיקים כמו שהיה קרח ובא לו המעלה לגנאי. כי בן צדיק יש לו כח גדול, וכו׳״ (חדושי אגדות ג עמוד רסה - מסכת סנהדרין) ד״ה, א רשע אזוי ווי קרח ניצט זיינע יחוס פאר שלעכטס, אבער א צדיק להבדיל, האט מיט זיין הייליגע יחוס א געוואלדיגע כח צו טון גוטס. לאמיר אלע אויסניצן אונזער שייכות צו צדיקים צו קענען אויספועלן אלעס גוטס ביי די קברים פון זייערע הייליגע אבות. דורך ערליך דאווענען ביי די קבר פון א צדיק זאל דער אויבערשטער העלפן אז דער צדיק זאל טאקע זיין א ריכטיגער מליץ יושר פאר אונז, און פאר אחינו כל בית ישראל הנתונים בצרה, ובשביה.

**גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת הנחת התפילין של נכדו יוחנן פנחס בן בנו הרה״צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט״א

מזל טוב למוה״ר יודל ליכטער שליט״א לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו אברהם שמואל בנימין נ״י

מזל טוב למוה״ר שמעון זילבער הי״ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו יוחנן נ״י

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל לע״נ ר׳ עמרם בן ר׳ שמעון ע״ה

לע״נ בלומא יוכבד בת ר׳ אברהם צבי ע״ה • **כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)